**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט אז סטעיט לאנדמארקס וועלן ווערן באלאכטן גרין אין אוונט פון נאוועמבער 16 פאר נאציאנאלע אנטלאפענע יוגנטליכע פארמיידונג מאנאט**

***באנייט געטריישאפט צו העלפן היימלאזע און אנטלאפענע יוגנטליכע דורך שטיצנדע און אפארדעבל האוזינג***

גאווערנאר קעיטי האקאל האט געהייסן אז סטעיט לאנדמארקס זאלן ווערן באלאכטן גרין היינט נאכט, נאוועמבער 16, צו באצייכענען ניו יארק'ס אנטיילנעמונג אין פארמערן וואכזאמקייט פאר נאציאנאלע אנטלאפענע יוגנטליכע פארמיידונג מאנאט. די פובליק וואכזאמקייט קאמפיין צילט צו ווארפן א ליכט אויף דעם דורכגאנג פון א יוגנטליכער וואס איז אנטלאפן פונדערהיים אדער גייט דורך היימלאזיגקייט און באטאנט די ריסאורסעס וואס זענען פארהאן צו העלפן די יוגנטליכע.

"יעדעס יאר, אנטלויפן טויזנטער ניו יארקער יוגנטליכע פונדערהיים אדער גייען דורך היימלאזיגייט," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "אין טייל פעלער, פרובירן יוגנטליכע צו אנטלויפן פון אביוז, נאכלעסיגקייט אדער קאנפליקט אין זייערע הייזער. אלס א מאמע, ווייס איך ווי וויכטיג עס איז פאר יונגע מענטשן צו האבן א סטאבילע אומגעבונג צו שטיצן זייער פיזישע, עמאציאנעלע און גייסטישע געזונטהייט. איך בין געטריי זיי צו העלפן טרעפן היימען און וואוינונג ערטער וואס קענען ערמעגליכן זייער פאזיטיווע אנטוויקלונג."

די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (New York State Office of Children and Family Services, OCFS) דורך איר אפטיילונג פון יוגנט דעוועלאפמענט און פארטנערשאפט פאר סוקסעס (Division of Youth Development and Partnerships for Success, YDAPS) שטיצט א ברייטע איסוואל פון סערוויסעס פאר אנטלאפענע און היימלאזע יוגנטליכע (runaway and homeless youth, RHY) און יונגע ערוואקסענע אלס טייל פון OCFS'ס מיסיע צו שטיצן די זיכערהייט, שטאנדהאפטיגקייט און וואוילזיין פון ניו יארק'ס קינדער, פאמיליעס און קאמיוניטיס.

זעלבסט-באריכט אינפארמאציע פון סערטיפייד רעזידענשל פראגראמען שפיגלט אפ אז אין 2022, זענען 4,385 אנטלאפענע און היימלאזע יוגנטליכע אדמיטעד געווארן צו רעזידענשל פראגראמען דורכאויס די סטעיט. קריזיס סערוויסעס פראגראמען האבן געהאלפן 2,685 אנטלאפענער פון היימלאזע יוגנטליכע, פלוס 54 דעפענדענטס; און 928 היימלאזע יוגנטליכע, פלוס 61 דעפענדענטס, זענען אדמיטעד געווארן צו טראנזישאנעל אינדעפענדענט וואוינונגס פראגראמען.

אין אויגוסט, האט גאווערנאר האקול געמאלדן אז 38.6 מיליאן דאלער אין סטעיט געלטער איז געשאנקען געווארן צו מערערע פראיעקטן וואס וועלן צושטעלן שטענדיגע שטיצנדע האוזינג פאר ניו יארקערס וואס גייען דורך היימלאזיגקייט. געשטיצט דורך די סטעיט'ס היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם, נעמען די פראיעקטן אריין דעוועלאפמענטס וואס וועלן שאפן נאך 410 יוניטס וואס דינען די עלטערע, מענטשן מיט

א היסטאריע פון סובסטאנץ באנוץ דיסארדער, מענטשן מיט דעוועלאפמענטאל דיסעביליטיס, יונגע ערוואקסענע און די וואס ליידן פון ערנסטע גייסטישע קראנקהייט.

די היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם איז א וויכטיגע באשטאנדטייל פון גאווערנער האקול'ס ברייט-פארצווייגטע פלאן צו מאכן האוזינג מער אפארדעבל, מעסיג, און סטאביל דורכאויס ניו יארק. אין 2022, האט די גאווערנער געלאזט אין גאנג א נייע $25 ביליאן, פינף-יאר, פולשטענדיגע האוזינג פלאן וואס וועט פארגרעסערן האוזינג סופליי דורך מאכן אדער אפהיטן 100,000 אפארדעבל היימען איבער די סטעיט, אריינרעכענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען.

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס פירנדע קאמישאנער סוזען מיילס גאסטאוו האט געזאגט,** "OCFS איז שטאלץ צו נעמען א פירערשאפט ראלע אין ארויסהעלפן יונגע מענטשן וואס זענען אין א קריזיס. אונזערע אנטלאפענע און היימלאזע יוגנטליכע סערוויסעס זענען באזירט אויף פאזיטיווע יוגנטליכע דעוועלאפמענט און פאקוסירט אויף שטיצן און אנטוויקלען געזונטע באַציאונגען, פארבעסערן דעם יונגטליכן'ס עקזיסטירנדע שטארקקייטן און שטאנדהאפטיגקייט, און אריינגעמען יוגנטליכע שטימעס אין פירערשאפט און פראגראמירונג. וויבאלד האוזינג אומזיכערקייט קען באווירקן יעדן, זענען פראגראמען און פאליסיס די מערסטע ווירקזאם ווען עס נעמט אריין אלע יוגנווארג, אפגעזען פון עלטער, ראסע, עטנישע אפשטאם, קולטור הונטערגרונד, דזשענדער אידענטיטעט, געשלעכטליכע אריענטאציע, אדער אנדערע ערפארונג."

פריער דאס יאר, זענען פארטרעטער פון די סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) פעלנדע מענטשן קליירינגהאוז, אפיס פון פראבעישאן און קארעקשאנעל אלטערנאטיוון, און מענטשליכע טראפיקינג פארמיידונג זיך אנגעשלאסן אין OCFS און אנדערע נאציאנאלע, סטעיט און לאקאלע אגענטורן און נישט-רעגירונג ארגאניזאציעס צו אוועקשטעלן די סטעיט'ס אנטלאפענע יוגנטליכע אינטערווענשאן ווארקינג גרופע. די ניי-פארמירטע גרופע צילט צו פארמינערן אנטלויפונג עפיזאדן, אדרעסירן די געברויכן פון הויכע-ריזיקע יוגנטליכע וועלכע האבן מערערע פעלונג עפיזאדן, און אנטוויקלען א פילאט פראגראם מיט א פארצווייגטע צוגאנג כדי צו בעסער העלפן יוגנווארג וועלכע ווערן כסדר פארשוואונדן.

נאוועמבער 16 איז טראגט גרין טאג פאר נאציאנאלע אנטלאפענע יוגנטליכע פארמיידונג. די סטעיט לאנדמארקס וואס וועלן באלאכטן ווערן אין גרין צו באצייכענען ניו יארק'ס אנטיילנעמונג אין נאציאנאלע אנטלאפענע יוגנטליכע פארמיידונג מאנאט נעמט אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוּקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- Empire State Plaza
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל

- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

**וועגן די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס ( Office of Children and Family Services, OCFS):**
די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS) דינט ניו יארק'ס פובליק דורך מוטיגן די זיכערהייט, פערמענאנטקייט, און וואוילזיין פון אונזערע קינדער, פאמיליעס, און געמיינדעס. די אגענטור שטעלט צו א סיסטעם פון פאמיליע שטיצע, יוגנטליכע גערעכטיגקייט, יוגנטליכע אנטוויקלונג, טשיילד קעיר און טשיילד וועלפעיר סערוויסעס און איז פאראנטווארטליך פאר די פראגראמען און סערוויסעס וואס נעמען אריין פאסטער קעיר, אדאפשאן און אדאפשאן הילף, קינדער באשיצונג סערוויסעס, פארמיידנדע סערוויסעס פאר קינדער און פאמילעס, און פארמיידנדע פראגראמען פאר עמפינדליכע ערוואקסענע.

**וועגן די אפטיילונג פון קרימינאלע דזשאסטיס סערוויסעס פעלנדע פערזאן קלירינגהאוז**
די קלירינגהויז שטעלט צו הילף פאר געזעץ איינפארסירונג אגענטורן וואס באהאנדלען פעלער וואס נעמען אריין קינדער, קאלעדזש סטודענטן און עמפינדליכע ערוואקסענע וועלכע זענען פארלוירן געגאנגען. קלירינגהאוז שטאב מיטגלידער האבן פארצווייגטע ערפארונג אין געזעץ איינפארסירונג, טרענירונג און אינפארמאציע טעכנאלאגיע, און שטעלן צו פארשונג שטיצע צו לאקאלע, סטעיט און נאציאנאלע געזעץ איינפארסירונג, הילף פאר איבערגעלאזטע פאמיליע מיטגלידער און קאמיוניטי אויפקלערונגס פראגראמען. די קלירינגהאוז נעמט אויך אן אינפארמאציע וועגן [פעלנדע מענטשן פעלער וואס זיי האבן ערלויבעניש צו פארעפנטליכן](#) אויף [missingpersons@dcjs.ny.gov](mailto:missingpersons@dcjs.ny.gov) און-800-346 .3543

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)